**הירשע דוד כ״ץ (ווילנע)**

# דער הײַנטיקער תכלית פֿון טשערנאָוויץ
# (באַטראַכטונגען צום 110טן יובל)

**רעפֿעראַט געלייענט אויף דער דערעפֿענונגס סעסיע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ צום 110טן יובל פֿון דער קאָנפֿערענץ אין 1908**
**(מאָנטיק, פֿינף און צוואַנציק טעג אין אב תשע״ח \ דעם 6טן אויגוסט 2018)**

טויזנט איין נאַכט, ס'גלייבט זיך קאַם! דאָס איז טאַקע דער זעלביקער טשערנאָוויץ, ניט קיין אַנדערער? אַ סימן האָבן מיר, אַז מען לעבט נאָר, איז מען עלול צו אַלצדינג נאָך צו דערלעבן.
וויל איך אָנהייבן מיטן באַגריסן אײַך אַלעמען; און זאָגן, קודם כל, אַ דאַנק און אַ יישר כח די אַלע וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט, מיר זאָלן זיך דאָ הײַנט טרעפֿן אין פֿריידן און מיט גוט חברשאַפֿט; אַלעמערשטנס – מײַן לאַנגיאָריקן חבר און לערער, פּראָפֿעסאָר וואָלף מאָסקאָוויטש, וואָס אַדאַנק אים בלײַבט לעבהאַפֿטיק, רעאַל און הײַנטיק דער עצם אָנדענק פֿון טשערנאָוויץ, טאָ זאָל עס אים און אײַך אַלעמען, אונדז אַלעמען, אַ סגולה אויף אריכת ימים זײַן, מען זאָל זיך טרעפֿן טאַקע דאָ אין טשערנאָוויץ הבירה אויך אין צען יאָר אַרומעט.
אגב, מיט וואָלף מאָסקאָוויטשן האָב איך זיך באַקענט מיט נײַן און דרײַסיק יאָר צוריק, אויף אַן אָקספֿאָרדער קאָנפֿערענץ אין 1979, וואו ער האָט געלייענט דעם גלענצנדיקן רעפֿעראַט: „די טיפּאָלאָגיע פֿון די לעקסיש סעמאַנטישע סיסטעמען פֿון יידישע לשונות: אַ קאָנטראַסטיווער אַנאַליז פֿון יידישע און קאַראַאימישע וואָקאַבולאַרן״. בײַ הײַנטיקן טאָג וויל איך אויסדריקן אָנערקענונג אונדזער טײַערן וואָלף, ניט נאָר פֿאַר זײַן אייגענער אויסערגעוויינלעכער אַרבעט אויפֿן געביט פֿון יידישער לעקסיקאָגראַפֿיע, נאָר אויכעט פֿאַר זײַן געבענטשטער אַרבעט בײַם אַרײַנטראָגן אַ נײַעם, קאָלעגיאַלן, אויפֿבויערישן טאָן אויפֿן אַקאַדעמישן געביט פֿון יידיש, אַ טאָן פֿון ממשותדיקע מעשים, אין אַ ראַם פֿון מענטשלעכן דרך ארץ, אַן אַטמאָספֿער פֿון דערמוטיקונג און צוטרוי, וואו מען פֿרייט זיך מיט יענעמס דערפֿאָלג, מען באַדויערט יענעמס עגמת נפש, און בעת מעשה בויט מען אויף להבא די יידישע פֿילאָלאָגיע.
צו אָטאָ דעם ציל, קען דאָך קיין שענער וואָרט ווי „טשערנאָוויץ״ ניט זײַן. אַלעמערשטנס איז „טשערנאָוויץ״ אַ פֿאַל אין דער געשיכטע פֿון געדאַנקען, וואו דער טרוים איז אויסגעוואַקסן מיט גרויס ממשותדיקײַט, אויף גאָרניט פֿאַראויסגעזעענע אופֿנים, אַ יש געוואָרן, און במילא פֿאַרבליבן דערווײַלע אַלץ סימבאָלישער „אַקט פֿון פּראָקלאַמאַציע״ אין דער געשיכטע פֿון באַמיאונגען לטובת יידיש.

* * *

איז: וואָס איז דען טײַטש „טשערנאָוויץ״?
דער לכתחילהדיקער באַגריף „טשערנאָוויץ״, אין די יאָרן נאָך דער קאָנפֿערענץ פֿון 1908, האָרט ביז דער ערשטער וועלט מלחמה און שפּעטער, איז דאַמאָלסט ניט געווען קיין באַגריף וואָס „יידישיסטן גופֿא״ האָבן געוואָלט דערוועגן ריידן. איז לאָמיר אָן שהיות צוקומען צו דער עצם קאָנטראָווערסאַלקײַט, צו דער אייביקער „נטיה למחלוקת״ וואָס ליגט ניט אַזוי טיף פֿאַרבאָרגן, אינעם עצם וואָרט „טשערנאָוויץ״.
אַז מען קומט צו פֿאָרן דאָ אין אוקראַינע, איז דאָך אַ חוק ולא יעבור, אַז אָנהייבן הייבט מען אָנעט ניט אַנדערש נאָר מיט – שלום עליכמען. אין זײַן „כתרילעווקער פּראָגרעס״, געשריבן 1914 – 1915, דאָס הייסט, כמה וכמה יאָרן נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, דערציילט שלום עליכם וועגן די „יידישיסטן״ און די „העברעאיסטן״ אין כתרילעווקע. ביי אַ שטעטלשער צוניפֿקומעניש, האָט גענומען ריידן אַ ייד:

„חברים און חברטעס!״

איז וואָס? דערציילט שלום עליכם אַז

„מער אָבער ווי די צוויי דרײַ ווערטער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרעדן, מע האָט אים נישט געלאָזט. ווער? די, וועלכע זענען קעגן יידיש. זיי האָבן פֿײַנט יידיש, וואָרים יידיש איז 'זשאַרגאָן' און זשאַרגאָן איז – פּע. זענען זיי אַרויס דעריבער מיט אַ פּראָטעסט: איוריט! העברעאיש!״

נו, דערנאָכדעם, אין שלום עליכמס שילדערונג, נעמט ריידן איינער אַ העברעאיסט, באַגריסנדיק, געוויינלעך, מיט: „ראַבאָטאַי״ ('רבותי'), און די יידישיסטן פֿון כתרילעווקע זײַנען אויך, ווי מען זאָגט, אַ טאַטנס אַ קינד. נעמען זיי שרײַען בקולי קולות:

„'מיכנאַטאַאים! לאָקשנקוילעטש' – יידיש, יידיש, יידיש!״

גיבן מיר ווײַטער דאָס וואָרט שלום עליכמען:

„האָט גאָט אַרײַנגעגעבן איינעם פֿון די העברעאיסטן, ער זאָל צווישן די אַלע אַנדערע קולות געבן אַ וואָרף אַרויס אַ באָמבע, אויסשרײַען אויף אַ קול:
„'ט ש ע ר נ אָ ו י ץ' ... דאַכט זיך: וואָס, אייגנטלעך, שטעקט אַזעלכעס אינעם וואָרט 'טשערנאָוויץ'? טשערנאָוויץ איז נישט מער ווי אַ שטעטל אין דער בוקאָווינע, אין עסטרײַך, וואָס צוויי מלוכות שלאָגן זיך איצטער איבער דעם, און טרײַבן אַרויס איינס דאָס אַנדערע, – הײַנט געהערט עס צו איינעם, מאָרגן צו אַן אַנדערן. איז אָבער פֿאַר די כתרילעווקער יידישיסטן, אַז מע דערמאָנט זיי דעם נאָמען 'טשערנאָוויץ', טויזנט מאָל, צען טויזנט מאָל ערגער, ווי אין טאַטן אַרײַן געשאָלטן! איר קאָנט זיי אויסוואַרפֿן די שענדלעכסטע עבירה, איר קאָנט זיי זאָגן וואָס אין דער קאָרט, אַבי ניט 'טשערנאָוויץ'. אָט אַזאַ טבע בײַ די כתרילעווקער יידישיסטן. [...]
אכלל, דערהערט דאָס וואָרט 'טשערנאָוויץ', האָט איינער פֿון די יידישיסטן, דווקא אַ שוואַכער, אַ הוסטנדיקער, נאָר אַ היציקער פֿאַרשוין, ניט לאַנג געטראַכט, אַראָפּגעצויגן פֿונעם לינקן פֿוס אַ שטיוולעט און אַ וואָרף געגעבן פֿון זיך איינעם פֿון די העברעאיסטן גלײַך אין פּנים אַרײַן און געטראָפֿן סאַמע דאָרט, וואו עס הייבט זיך אָן די נאָז, ביי דער אונטערשטער זײַט פֿונעם לינקן אויג.״

עד כאן שלום עליכם, ביי וועמען מיר ווערן געוואָר אַז יענע יאָרן, אַן ערך אַכט ניין יאָר נאָך דער קאָנפֿערענץ, האָבן זיך יידישיסטן גאָר געשעמט מיט טשערנאָרוויץ; געבייזערט, מיט אַ ווילדן כעס, דאַמאָלסט, אַז מען וואַרפֿט זיי אויפֿעט די שאַנדע פֿון טשערנאָוויץ. אַנדערש געזאָגט געוואָרן: האָט מען, פֿאַר קיינעם ניט געדאַכט, געוואָלט אַ יידישיסט אַרײַנפֿירן אין אַ ווילדן כעס, האָט מען אים מערניט געדאַרפֿט אויפֿוואַרפֿן דאָס וואָרט – „טשערנאָוויץ״.

איז מאי קא משמע לן, פֿאַרוואָס עפּעס אַ שאַנדע? ווייל דער הויפּטשטראָם אין דער יידישער פּרעסע, אַר ײַנגערעכנט די מערסטע צײַטונגען אויף יידיש גופא, האָבן פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ געמאַכט אַש און בלאָטע. מען האָט געשילדערט די קאָנפֿערענץ אַלץ געזעמל פֿון משוגעים ממש, אַזעלכע וואָס: האָבן פֿײַנט העברעאיש; וואָס האָבן פֿײַנט די תורה און די יידישע רעליגיע; וואָס האָבן פֿײַנט ארץ ישראל און אַלע נוסחאות פֿונעם ציוניזם; ראַדיקאַלן וואָס זוכן וויסטע, בלוטיקע איבערקערענישן אין די לענדער וואו יידן לעבן, מאַכנדיק אַ געטשקע, אַ פּסל, אַן אָפּגאָט פֿונעם שמערעוואָדניקס „זשאַרגאָן״. טאָמער פֿאַראַפֿראַזירן אַביסל טיפֿער פּסיכאָלאָגיש: אַ באַנדע אידעאָלאָגן וואָס מאַכן גאָרנישט פֿון דער גאַנצער יידישער געשיכטע און כמעט אַלע יידישע געלערנטע און שיטות, אָנטשפּענענדיק זיך אָן די מסוכנדיקע ראַדיקאַלע באַוועגונגען בײַ די אומות העולם וואָס שטרעבן צו אומאָרדענונג, כאַאָס און רעוואָלוציע, טאַקע אין נאָמען פֿונעם המון עם הארצים וואָס אויף גאָטס ערד קוגל.

* * *

ערשט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אָן טשערנאָוויץ ווי אין אַ גײַסטרײַ כן סימבאָל פֿון דער הויך קולטורישער באַוועגונג לטובת יידיש. אַז ס'זיינען אויפֿגעקומען די נײַע פֿרײַ ע מלוכות אין מזרח אייראָפּע, אַמוואָגיקסטן די פּוילישע רעפּובליק, און דער יידישיזם איז, שיער ניט

מיטאַמאָל, קען מען זאָגן, געוואָרן איינע פון די אָנערקענטע הויפּט טענדענצן בײַ יידן. אַ סימן האָבן מיר – די ציש"אָ און אַנדערע שול נעצן, די פאַרלאַגן, פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוטן.

ס'איז, טײַערע קאָלעגן, ניט קיין צופאַל, אַז די „איבערמאַכונג" פון עצם וואָרט „טשערנאָוויץ", פון אַ וואָרט וואָס האָט אין די יאָרן ביז דער ערשטער וועלט מלחמה געבראַכט שאַנדע און חרפּה צו דער נשמה פון אַ יידישיסט, ביז אויף להבדיל אַ „סימבאָל פון אונדזער שטאָלצטן מאָמענט", האָט זיך פאַרלאָפן דער עיקר אין די הענט פון געלערנטע, פאָרשער, פילאָלאָגן, אַקאַדעמיקער, אַלע – „יידישיסטן אין באַראָכאָווישן זין" (דאָס הייסט געלערנטע אויפן געביט פון יידיש וואָס זייענען אידעאָלאָגיש און געזעלשאַפטלעך אויך „יידישיסטן"). דאָס זײַנען געווען, ניט סתם געלערנטע, נאָר וואָדען, אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן, די סאַמע גרינדער און אָנפירער פון דער דאַמאָלסט שפּאָגל נײַער ייוואָ אין ווילנע – דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט מיט מאַקס ווײַנרײַכן און זלמן רייזענען בראש.

מה דאָך, אַז באַלד נאָכן אויפקום פון דער ייוואָ, איז אויפן סדר היום געשטאַנען דער פּראָיעקט אַרויסגעבן צום צוואַנציקסטן יובל פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אַ באַנד מיטן סדר היום, מיט די דאָקומענטן און די דעבאַטעס, אָדאָס וואָס איז אַפריער ניט מקוים געוואָרן, ניט אין 1908, ניט אין 1909, ניט אין 1910. ערשט מיט אַ דור שפּעטער, אַז ס'האָט געהאַלטן האַרט בײַם צוואַנציקסטן יובל, האָבן די געלערנטע אויפן געביט פון יידיש אין ווילנע גענומען פלאַנעווען, די פאַרפאַלענע פּראָטאָקאָלן פון דער קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ רעקאָנסטרואירן אין אַ באַנד, מיטן פּלאַן אַזאַ באַנד אַרויסגעבן צום צוואַנציקסטן יובל אין 1928. אַזאַ אַרבעט האָט שוין אָבער אַ טבע זיך צו פאַרציען; דער באַנד איז אַרויס אין 1931, רעדאַגירט פון מאַקס ווײַנרײַך און זלמן רייזען און מיט אַ דאַנק וואָרט פאַר חיים ברוידען וואָס האָט מיטגעאַרבעט.

איז וואָס האָט זיך געביטן אין משך פון צען יאָר, לאָמיר אָנכאַפּן, פון שלום עליכמס שילדערונג פון די רעאַקציעס אויפן וואָרט „טשערנאָוויץ" ביזקל די פרישע יונגע טעג פון דער ווילנער ייוואָ, ווען מ'האָט גענומען פאַרוואַנדלען טשערנאָוויץ אין אַ ווינקלשטיין, אַ ראש פּינה ממש, פון דער יידישיסטישער מיטאָלאָגיע?

ערשטנס: אין פּילסודצקיס פּוילן, אין דער ריזיקער פּוילישער רעפּובליק מיט אירע העכער דרײַ מיליאָן יידן, האָבן זיך אײַנגעשטעלט אין לעבן, דאָ אויף דער וועלט, אַ סך פון די טשערנאָוויצער חלומות: ניט נאָר די פולשטענדיק לעגאַלע יידישע נעצן שול-סיסטעמען, נאָר אַ שטוינענדיקער וואוקס פון אַ פרישער, רײַכער ליטעראַטור פון יונגע טאַלאַנטירטע שרייבער אויף אַ הויכן ניוואָ, פון דער פּרעסע, טעאַטער און מעכטיקע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס זײַנען געווען בכח אויספירן בפועל ממש מיט פינאַנצן און אָרגאַניזירטע אינסטאַנצן; דער עיקר, אין גײַסט פונעם לינקן, אָבער אַנטי קאָמוניסטישן סאָציאַליסטישן יידישיזם וואָס פּרץ האָט מיט זיך אויף דער קאָנפערענץ פאָרגעשטעלט.

צווייטנס, זײַנען אינצווישן געשטאָרבן די דרײַ באַליבטסטע שרײַבער, זיי זײַנען יענע יאָרן קען מען זאָגן, מגולגל געוואָרן אין „די קלאַסיקער": שלום עליכם אין 1915, פּרץ אין 1916, און מענדעלע אין 1917. פּרץ איז פאַרשטייט זיך געווען די סאַמע פּרעסטיזשפולע פּערזענלעכקײַט אויף דער קאָנפערענץ גופא. מענדעלע און שלום עליכם, וואָס זײַנען ניט געקומען צו פאָרן, האָבן כידוע געשיקט באַגריסונגס טעלעגראַמעס וואָס פון מיטאָלאָגיע וועגן קען דאָס קלעקן. נאָכמער, מענדעלעס נאָמען איז געשטאַנען, ניט אויף דער צעשיקטער פאַרבעטונג אויף דער קאָנפערענץ, אָבער אינעם נוסח וואָס איז דערשינען אין דער פּרעסע. מ'האָט אָן איבעריקע קונצן געקענט ווי ניט איז צואייגענען אַלע דרײַ קלאַסיקער.

דריטנס, איז געגאַנגען אין דעם, וואָס די אָנפירער פון דער לעגאַלער, עלעגאַנטער, אינטעליגענטישער נײַער אינפראַסטרוקטור פון יידיש, מיט דער ייוואָ בראש, האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף דער אַנטוויקלונג פון אַלערלייאיקע אַנדערע קלענערע לשונות אין מזרח אייראָפּע און דערזען די פּעולה מיט די מעלות פון אַ סימבאָלישער גרינדונגס אסיפה. ערב דעם צוואַנציקסטן יובל פון טשערנאָוויץ, האָבן הויך געבילדעטע שפּראַך פלאַנירער אין ווילנע דערזען אָטאָ די ראָמאַנטישקײַט, ניט נאָר פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ גופא, נאָר אין דעם וואָס אינעם בשעת מעשהדיקן בוידעם וואָס האָט זיך גאָר אַרויסגעלאָזן, אַז די פאַרלאָרנקײַט, די פאַרפאַלענקײַט פון די פּראָטאָקאָלן – דאָס איז שוין פאַר זיך אַ גאָלדענער קוואַל פון מיסטיק און חשק. איז לאָמיר ניט פאַרנאַכלעסיקן צו דערמאָנען פון אמת וועגן: ווען ניט אָטאָ דער

ייוואָ באַנד פון 1931, אַ ביז גאָר באַשיידענער אין אויסזען, „די ערשטע יידישע שפּראַך קאָנפערענץ: באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908” וואָלט עס פון לאַנג שוין געווען פאַרגעסן, און במילא וואָלטן מיר אַלע דאָ ניט געשטאַנען בײַם הײַנטיקן טאָג.

* * *

אָט דאָ קומען מיר אַ סברא צו נאָכמער פּאָליטיש אומקאָרעקטע אָבזערוואַציעס. די אָנפירער פון ווילנער ייוואָ זײַנען טאַקע געווען קעגן די ציוניסטן, קעגן די העברעאיסטן, און דעם אמת דאַרף מען דאָ זאָגן, זיי זײַנען געווען מערסטנטייל שטאַרק אַנטי רעליגיעז. אין די מאַטעריאַלן וואָס זיי האָבן אָפּגעקליבן און אַרויסגעגעבן אינעם באַנד, האָבן זיי גענוג געפּונען לאָמיר אָנכאַפּן „אינספּיראַציעס” אין אָטאָ די ריכטונגען. אויפן באַנד צום צוואַנציקסטן יובל, „די ערשטע יידישע שפּראַך קאָנפערענץ”, האָבן ווײַנרײַך און רייזען באַשלאָסן, ווי אַזוי, אָפּגעהיטערהייט, צו ברענגען די רייד פון די צוויי אַזוי אָנגערופענע ראַדיקאַלן פון טשערנאָוויץ, צוויי פון די מערקווערדיקסטע און טאַלאַנטירטסטע (און טראַגישסטע) פיגורן אין דער געשיכטע פונעם יידישיזם: אסתר פרומקין און מתתיהו מיזעס.

אסתר פרומקין (פּען נאָמען: אסתר, געבאָרן מלכה ליפשיץ אין מינסק אין 1880), איז געווען די פּיאָנערישע מחברטע פון די ערשטע ערנסטע לערנביכער פאַר קינדער אויף יידיש (דאָס איז מען עלול בײַ הײַנטיקן טאָג פאַרגעסן צוליב דער פּאָליטיק). זי איז געווען די הויפּט פּערזענלעכקײַט וואָס האָט דעם יידישן אַרבעטער בונד אַריבערגעפירט פון גלײַכגילטיקײַט לגבי יידיש אַריבער אויף אַ הייסן יידישיזם; זי איז אַפילו געווען אַ סברא (איך האָב צוגעזאָגט פּראָפ. מאָסקאָוויטשן עפּעס וואָס נײַ הײַנט מגלה זיין) אָטאָ די אָ, וואָס האָט אינספּירירט דעם יינגל מאַקס ווײַנרײַכן, ער זאָל אַריבערגיין פון בונדישער פּאָליטיק אַריבער אויף – דער וויסנשאַפט פון יידיש.

פון זינט נאָך דער רעוואָלוציע, ווען אסתר האָט זיך סאָוועטיזירט און אין ראַטנפאַרבאַנד צום סוף גאָר געהאָלפן ליקווידירן דעם בונד, האָט מען איר אויסגעמעקט פון דער געשיכטע פון בונד, אָבער ניט פונעם יידישיזם: די מיטאָלאָגיע פון טשערנאָוויץ לאָזט ניט פאַרגעסן אַז זי, אסתר, האָט אַרײַנגעטראָגן די דרייסטע, געוואַגטע רעזאָלוציע: יידיש איז „די” נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק; כאָטש די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען די מעסיקע רעזאָלוציע, אַז יידיש איז נעבעך „אַ” נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאַלק. (דאָס איז אויכעט שוין פאַר זיך גענוג געווען בכדי די העברעער געבן אַפּאָפּלעקסיע, נאָר וואָס, נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, ווען די יידישיסטן זײַנען פאַרבליבן פאַרקאָכט אין זייערע מחלוקתן, קריגערײַען און פלוגתאות, האָבן די העברעער גענומען בויען די העברעאישע דערציאונג אין מזרח אייראָפּע, אָבער ניט דאָס זײַנען מיר הײַנט דאָ אויסן).

פונדעסטוועגן האָט דער ייוואָ באַנד ניט אַרײַנגענומען אסתרס ראַדיקאַלסטע אַרויסזאָגונגען וועגן העברעאיש, און וועגן די וואָס שטיצן איר אויפלעבן אַלץ לעבעדיק לשון. דאָס איז געווען אַ באַנד מיט אַ גרזעלשאַפטלעכן ציל אויף להבא, אויף פּאַקטיש בויען אין ווילנע אַ לעבעדיקן, פּראַקטישן המשך פון די טשערנאָוויצער חלומות.

בלײַבט אַרומריידן דעם צווייטן ראַדיקאַל, דעם געניאַלן יונגן לינגוויסט פון 1908, מתתיהו מיזעס (בײַ זײַנע היימישע גאַליציאַנער: מאַטיס מיזיש). אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט פון דער לינגוויסטיק, פון פילאָלאָגיע, האָט מיזעס אַלץ יונג בחורל געוואַגט דעבאַטירן אין 1907, אַ יאָר פאַר טשערנאָוויץ, מיט נחום סאָקאָלאָוון אין זשורנאַל „העוֹלָם”. אין נומער פון יוני 1907 איז דאָ אַ סענסאַציע: דער צוויי און צוואַנציק יאָריקער מיזעס איז אַרויס מיט זײַן עסיי אויף העברעאיש: „בזכות השפה היהודית”. שוין נאָך דער קאָנפערענץ, אין 1910, איז מיזעס אַוועק דעבאַטירן, ניט מער און ניט ווייניקער, מיט אחד העמען אַליין, אין זשורנאַל „הֶעָתִיד”.

מיזעס איז געווען דער פּאַקטישער שטערן פון דער קאָנפערענץ אין 1908, צו די דרײַ און צוואַנציק יאָר זײַנע געלייענט אַ רעפעראַט וואָס האָט, ניט קוקנדיק אויף פאַרשיידענע פעלער, געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער יידישער פילאָלאָגיע, אַרויסזאָגנדיק געדאַנקען וואָס בער באָראָכאָוו האָט ווײַטער און מער פּרעציז

פֿאָרמולירט אין זײַנע „אויפֿגאַבן פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע" וואָס איז אין 1913, דערשינען אין ש. ניגערס ווילנער „פּנקס". צווישן די אָ געדאַנקען: דאָס וואָס יידיש האָט פֿאַרקלענערט און מינימיזירט אַמאָליקע בייגפֿאַלן און קאָמפּליקאַציעס פֿון דער אַלט דײַטשישער גראַמאַטיק, דאָס איז אַ מעלה, שפּראַך אַנטוויקלונג, ניט קיין חסרון, ניט קיין שפּראַך פֿאַרדאָרבונג חלילה. יידיש איז לויט מיזעס דער אמתער המשך פֿון ווײַטן יידישן אַמאָל, פֿון לשון קודש און אַראַמיש. ער האָט אויפֿגעשטעלט די היפּאָטעזע, אַז די עצם שנאה צו יידיש איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פֿון איבערנעמען ביי די דײַטשן זייער אַנטיסעמיטיזם, אַזוי אויך דעם עצם באַגריף אַז די שנאה לגבי יידיש שטייט בײַם סאַמע צענטער פֿון אָט יענעם יידנהאַס וואָס אַ סך יידישע אינטעליגענטן האָבן איבערגענומען אין דער בחינה פֿון זעלבסט האַס.
גאַנצע פּופּציק זײַטלעך אין סאַמע האַרץ פֿונעם באַנד וועגן דער קאָנפֿערענץ האָבן ווײַנרײַך און רייזען געגעבן מיזעסעס רעפֿעראַט. מיזעס האָט אָנערקענט די שאַנסן פֿאַרן אויפֿלעבן העברעאיש אין ארץ ישראל פֿאַר רעאַליסטישע, האָט געהאַלטן אַזעלכע שאַנסן אין די תפֿוצות פֿאַר זעראָ, נול, גאָרניט. מיזעסעס ווערטער וועגן העברעאיש:

> „לשון קודש באַדאַרף נישט מער ווערן די שפּראַך פֿון דעם לעבן. בלומען אויפֿן בית עולם צו פּליקן קאָן אָנגענעם זײַן; צו וואוינען אויף אַ בית עולם איז אָבער נישט פֿאַר די וואָס ווילן לעבן [...]"
> „לשון קודש האָט נישט קיין שום שאַנסן פֿאַר דאָס לעבן."
> [וועגן יידן וואָס ריידן אויף דער לאַנדשפּראַך:] „האַלב גויים, האַלב יידן, גוייש רעדן, יידיש פֿילן? אַן אַמפֿיביען לעבן איז אַ קאַריקאַטור אַ מאַטע, – אַ סך טרויעריקער און ערגער ווי אמתדיקע אַסימיאַלאַציע. צוויטער וועזן מאַכט פֿלאַך און האַלב."

דער אויסלאָז פֿון מיזעסעס רעפֿעראַט איז דער אומפֿאַרגעסלעכער קול קורא פֿון גאַנץ טשערנאָוויץ (דאָס מיינען מיר, נאַטירלעך פֿונעם באַגריף „טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ", לאו דווקא די שטאָט כולה):

> „דאָס נײַנצעטע יאָרהונדערט האָט מענטשן רעכט געשאַפֿן, דאָס צוואַנציקסטע האָט די הויכע אויפֿגאַבע שפּראַכן רעכט צו שאַפֿן. ווער ס'גלייבט אין דעם פּראָגרעס פֿון דער מענטשהײַט, דער זאָל אין אונדזערע שרעגעס אײַנטרעטן, און מיט מוט און האָפֿענונג שטרעבן פֿאַר אונדזער הייליקער נאַציאָנאַלער זאַך, פֿאַר דערלאַנגען פֿון אַנטוויקלונגס מעגלעכקײַטן פֿאַר אונדזער יידישער שפּראַך."

די פֿאַרבעטונג אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ גופֿא, מיט דער פּלאַנירטער „פּראָגראַם", האָט אָבער גאָר געהאַט באַטאָנט אַ סך מער פּראַקטישע ענינים:

> „(1) וועגן אָרטאָגראַפֿיע; (2) גראַמאַטיק; (3) באַנוצן פֿרעמדע ווערטער; (4) אַ ווערטערבוך; (5) ביבל איבערזעצונג; (6) די פּרעסע; (7) די ליטעראַטור; (8) דראַמאַטורגיע און סצענע; (9) די באַדײַטונג פֿון דער שפּראַך אַלץ נאַציאָנאַלע אָדער פֿאָלקסטימלעכע שפּראַך און איר באַציאונג צו העברעאיש; (10) „די מאָראַלישע צווישן פֿעלקערלעכע ליטעראַרישע אייגנטום פֿאַרזיכערונג" [= אינטעלעקטועלע רעכט]."

פֿאַר דער ייוואָ פֿון די צוואַנציקער יאָרן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אַ פּראָגראַם פֿון שפּראַך נאָרמירונג אַלץ איינע פֿון די הויפּט אויפֿגאַבעס, איז די ברענענדיקסטע פּראָבלעם געוואָרן אויסלייג, אַביסל שפּעטער אויך פּוריזם און שפּראַך רייניקונג, דער עיקר אין דער לעקסיק, די מלחמות און דעבאַטעס אַרום די אַזוי גערופֿענע „דײַטשמעריזמען".
פֿון גײַסטיקן, קולטור היסטאָרישן און פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, קען מען אײַנטיילן די אַקטיווע אויסלייג רעפֿאָרם קאָמפּאַניע אין צוויי באַזונדערע קאָמפּאָנענטן. דער ערשטער קאָמפּאָנענט איז דאָס וואָס מיר רופֿן „די נײַע אָרטאָגראַפֿיע" פֿון בער באָראָכאָוו און זלמן רייזען און די שול קאָנפֿערענץ פֿון 1920: אַרויסוואַרפֿן דעט שטומען עין אין מערסטע פּאָזיציעס, און באַזײַטיקן אַנדערע שטריכן פֿון די משכּילים אין נײַנצעטן יאָרהונדערט וואָס האָבן פֿאַרקריפּלט אַ געווירשנטע סיסטעם שרײַבן אַדורכן נאָכמאַלפֿעווען דעם דײַטשישן אויסלייג. טשיקאַווע, אָט די רעפֿאָרמען, ביזן הײַנטיקן טאָג, ווערן אָנגענומען אויך בײַ פֿרומע, זייער פֿרומע, חסידישע, חרדים, ווײַל זיי טראָגן ניט קיין אַנטי רעליגיעזע סימבאָליק.
ס'איז אָבער געקומען אַ צווייטע כוואַליע רעפֿאָרמען, אַלע אויפֿן יסוד פֿון די סאָוועטישע דיקטאַטן – אַרויסוואַרפֿן דעם שטומען אלף און אַרײַנפֿירן דיאַקריטישע צייכנס געבויט אויף די נקודות. אָט די צווייטע

כוואַליע שטאַמט פון די סאָוועטישע אויסלייג איבערקערענישן וואו אויסלייג האָט שוין איינמאָל געהאַט אַ סימבאָליק: די יעווסעקציע האָט דאָך געשטרעבט צו אַ יידיש שבכתב וואָס איז אויפן ערשטן בליק שוין אַנטי רעליגיעז, אַנטי טראַדיציאָנעל, ממש סאָוועטיש. אין די דרײַסיקער יאָרן, און מיט אַ ברען בפרט אין די שפּעטע דרײַסיקער יאָרן, נאָכן טויט פון פּילסודצקין, נאָכן אויפקום פון נאַציסטישן פאַשיזם אין דײַטשלאַנד און זײַן אָפּקלאַנג אויך צו מזרח צו, האָט זיך דער ווילנער ייוואָ ווײַטער געררוקט אויפן פּאָליטישן לינקס, און האָט אין די שפּעטע דרײַסיקער יאָרן אָפיציעל אָנגענומען עלעמענטן פון סאָוועטישן יידישן אויסלייג אין אַ „פּשרה״ וואָס האָט דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט פאַרהיט פון דער פאָנעטיזירונג.

דאָס האָבן מיר געדאַרפט דערמאָנען, ווײַל דער גורל האָט געוואָלט, אַז די זעלביקע „מאַרגינאַלע״ פראַגן פון אויסלייג פּרטים און אַ דראַנג אייביק צו „רייניקן און פאַרריכטן״ דעם וואָקאַבולאַר פון יידיש, איז געווען באַשערט שפּילן אַ ראָלע אין אונדזער דור, אויסער אַיעדן גדר פון אַ קלאָרן שכל הישר.

* * *

איז לאָמיר איצטער איבערהיפּן הונדערט צען יאָר און צוקומען צום יאָר 2018.
וואָס האָט פּאַסירט פאַר די הונדערט צען יאָר?

- אין משך פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן סײַ דער ניוואָ און סײַ דער כמות פון דער יידישער ליטעראַטור איבערגעשטיגן אַלע טשערנאָוויצער חלומות אַזש ביז אויף אַ נאָבעל פּרעמיע; ביז אויף אַ ברייט צעבליטער וועלט ליטעראַטור וואָס ווערט כסדר איבערגעזעצט אויף די לשונות פון די אומות העולם, אָט אַזאַ אָ, וואָס יודעי חן ווייסן גוט, אַז פאַראַן נאָך אַ ים מיט ווערק פון טויזנטער שרײַבער וואָס זייערע וואָגיקע ווערק וואַרטן נאָך אויף זייער גואל און תיקון. אויך די יידישע פילאָלאָגיע און די שייכותדיקע געביטן האָבן דערגרייכט צילן וואָס זײַנען אַ סברא „אויב ניט נאָך העכער״ ווי די אַספּיראַציעס פון די לכתחילהדיקע טשערנאָוויצער בעלי חלומות.
- אין היטלעריסטישן חורבן זײַנען אומגעקומען מער ווי פינף מיליאָן יידיש ריידנדיקע יידן אין אייראָפּע, און אויף אייביק זײַנען אויסגעמעקט געוואָרן די שפּרודלדיקע לעבעדיקע ישובים וואו יידיש איז געווען אַזוי נאַטירלעך דעם פייסאַזש ווי אַ יעטוועדער אַנדער שפּראַך.
- אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן די סטאַליניסטישע רדיפות געבראַכט צו אַ סוף די קולטור, די שרײַבער, די שולן און אַנשטאַלטן, צי פאַר דער מלחמה, צי נאָך דער מלחמה, ווען ס׳איז געבליבן לעבן אַ שארית אַ וואָגיקער.
- אין ישראל איז די דערפּאָלגרײַכע פאַרוואַנדלונג פונעם מאָדערנעם איווריט אין אַ מלוכה שפּראַך געווען פאַרבונדן מיט אַ פאַרביסענער קאַמפּאַניע קעגן יידיש, וואָס האָט אָפּגעווישט דעם יידיש וועלטלעכן סעקטאָר אַלץ וואָגיקן גליד פון דער הויפּטשטראָמיקער קולטור.
- און וואָס איז מיט די מיליאָנען יידיש ריידנדיקע יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע, קאַנאַדע, ענגלאַנד, דרום אַפריקע און אַנדערע לעדנער, וואו ס׳איז ניט געווען קיין היטלער, ניט געווען קיין סטאַלין און אַפילו ניט קיין אַנטי יידישע העברעאיסטישע מלוכהשע מאַכט („מען האָט שוין ניט וועמען צו באַשולדיקן״), איז יידיש כמעט אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען אַלץ פולע גערעדטע שפּראַך ביי די קינדער און קינדסקינדער פון שיער ניט אַלע טרעגער פון דער יידישיסטישער קולטור גופא – לערער, שרײַבער, דערציער, טוער אויף אַ ריי געביטן. דאָס רופט זיך „ביי סאָציאָלינגוויסטן״: אַ מאַסנדיקע וואָלונטערישער איבערגאַנג אויף די לאַנד שפּראַכן.

איז וואו האַלט מען טאַקע הײַנט?

די גרויסע ישובים וואו יידיש ריידנדיקע יידן האָבן אויפגעבויט שולן, צײַטונגען, זשורנאַלן, טעאַטערס, אַוואו טאַלענטפולע שרײַבער האָבן כל ימיהם געשאַפן ווערק, דאָס אַלצדינג איז געקומען צו אַ סוף אומגעפער אָנהייב איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען עס זײַנען אַוועק אין דער אייביקײַט די לעצטע און שיער ניט לעצטע פון די גרעסערע שרײַבער, לערער, שאַפער, רעדאַקטאָרן, אָט אַזעלכע וואָס זײַנען געקומען צו אַ פולער שפּראַכיקער רײַפקײַט אין דער פאַרמלחמהדיקער מזרח אייראָפּע.

די ברייטערע באַוועגונג אַרום דעם סעקולערן (דעם אַזוי גערופן וועלטלעכן) יידיש האָט (מיט ווינציק אויסנאַמען) ניט געבראַכט צו קיין נײַע דורות יידיש ריידנדיקע אין סאָציאָלינגוויסטישן זין פון אַ שפּראַכיקן

ציבור וואָס איז בעצם פּעאיק אויפֿהאַלטן אַ לעבעדיקע גערעדטע שפּראַך. דאָס איז ווײַט ניט דאָס זעלביקע אָבער ווי אַ פֿולשטענדיקער אונטערגאַנג. פֿאַר אָטאָ דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, אַן ערך, זײַנען אויפֿגעקומען דרײַ אינדזעלעך פֿון יידיש, אַלע דרײַ מיט אַ כּח החיים אײַנגעפּעסטיקטע.

ערשטנס, יידיש אַלץ ברייט פֿאַרצווײַגטער געביט אויף אַקאַדעמישער פֿאָרשונג: אַלט יידיש, מיטל יידיש, ניי יידיש; ליטעראַטור פֿאָרשונג; לינגוויסטיק; סאָציאָלאָגיע; סאָציאָלינגוויסטיק; פֿאָלקלאָר; קולטור געשיכטע; און נאָך אַ סך. דער רוויוואַרג, דער חומר גופֿא, פֿון יידיש פֿון די לעצטע טויזנט יאָר, איז די והותר אויף מעגלעך מאַכן אַ קיום אויף לאַנגע דורות, פֿאַר פֿאָרשער, אַקאַדעמיקער; פֿאַר אָפּטיילונגען, אוניווערסיטעטן און אינסטיטוציעס, מיט פּובליקאַציעס אין דער סבֿיבֿה פֿון מלומדים ספּעציאַליסטן.

והשנית: ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ ברייט פֿאַרצווײַגטע טעטיקײַט אַרום Yiddish; דאָס מיינט מען אַלעמערשטנס אַ ליבשאַפֿט צו יידיש און דער מזרח אייראָפּעאישער יידישער ירושה, אַ דרך ארץ צו באָבע זיידע אָדער טאַטע מאַמע (אָפּטמאָל שוין נאָך זייער טויט) און אין אַמעריטשקע גנבֿ, אַ גרויסע ביזנעס פֿון „ראַטעווען יידיש״, אַזש ביז צום אויסטראָיען פֿאַר צענדליקער מיליאָנען דאָלער בנינים און סטרוקטורן, אָן אַפֿילו דעם בלויזן באַגער אויסשולן אמתע קענער וואָס וועלן ריידן, שרײַבן, שאַפֿן ווערק אויף יידיש, דערציִען ניט נאָר וועגן יידיש נאָר אויכעט אויף יידיש. דאָ גייט אין דער „דעשפּראַכיזירונג״ פֿון יידיש: שוין ניט קיין לשון וואָס מען דאַרף זיך אויסלערנען, נאָר וואָס ניט איז אַנדערש.

דריטנס, פֿאַראַן אַ קליינע גרופּע סעקולערע יידישיסטן וואָס ריידן יידיש איז בײַ זיי טאַקע אַן עיקר. נאָכמער, מיטן פֿאַקטישן און מאָראַלישן אונטערגאַנג פֿון פֿעסטע יידישיסטישע אינסטיטוציעס, האָבן זיי אין אַ קענטיקער מאָס אָפּגעירשנט מיליאָנען דאָלאַרן ממש. די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס אָנשטאָט אָפּלערנען מיט דרך ארץ בײַ די גדולים פֿון וועמען זיי האָבן אָפּגעירשנט, האָט זיך געיאָוועט דער דיבוק פֿון שגעונדיקער שפּראַך רייניקונג (הונדערט יאָר נאָכדעם ווי מען האָט אַ סבֿרא צום לעצטן מאָל געזוכט נײַע יידישע ווערטער אין אַ דײַטשישן ווערטערבוך), פֿון נעאָלאָגיזאָמאַניע, און אַ פֿאַנאַטישער ברען צו די „דיאַקריטישע צייכונס״ („דיאַקריטלעך״ בלשונם), און אויסלייגעכץ פֿון יענער פּשרה מיט דער יעווסעקציעס יידיש סוף דרײַסיקער יאָרן, וואָס אַ פֿרומער ייד פֿון אַ גאַנץ יאָר קען אויף דעם אַפֿילו הײַנט ניט קוקן. אין דער געשיכטע איז ווי עמבלעמאַטיש דערפֿון געוואָרן די פּיקעטערונג פֿון „טאָג – מאָרגן זשורנאַל״ און פֿונעם „פֿאָרווערטס״ אויף איסט בראָדוויי אין אַפּריל 1970 איבער אויסלייג און דײַטשמעריזמען, רחמנא לצלן. מען האָט אָבער ניט דעמאָנסטרירט קעגן העברעאסטישע טאָג שולן וואָס באַאיקאָטירן יידיש, נאָר קעגן די לעצטע שרײַבער, רעדאַקטאָרן און קולטור פֿירער פֿון לעצטן דור געבאָרענע פֿאַר דער מלחמה אין מזרח אייראָפּע...

גאָר אַן אַנדער קאָמפּלעקס מניעות בויט זיך אַרום פּאָליטיק. אין טייל לענדער אין מערבֿ איז דער עסק „יידיש״ געוואָרן אַ פּאָליטישע צאַצקע אויף צו פֿאַרגלעטן עקסטרעם לינקע פּאָליטיק און שנאה צו מדינת ישׂראל. אין מזרח אייראָפּע פֿאַרקערט, און דער עיקר אין ליטע, האָט מען שוין מיליאָנען געוואָרפֿן אויף „יידיש״ בתורת קאַמופֿלאַזש פֿאַר עקסטרעם רעכטער פּאָליטיק, דער עיקר אויף צו כּשרן די מזרח אייראָפּעאישע עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישע (און אַנטיסעמיטישע) באַמיאונגען אויף צו רעווידירן די געשיכטע פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה אין גײַסט פֿון „דאָפּלטן גענאָציד״, אין גײַסט פֿון מאַכן נאַציאָנאַלע העלדן פֿון נאַציסטישע מערדער און קאָלאַבאָראַטאָרן. מה דאָך, בײַ אונדז אין ווילנע זײַנען אַוועק מיליאָנען אויף גאַנצע דרײַ אינסטיטוציעס פֿאַר יידיש, וואו עלף חדשים אין יאָר (אויסער דער פֿאַרבליבענער אויסגעצייכנטער זומער פּראָגראַם, וואָס מען גייט בקרובֿ פֿאַרמאַכן ווײַל ס׳איז זיי שוין פּאָליטיש ניט נייטיק), קען מען בכלל ניט לערנען קיין יידיש, און די קוואַליפֿיצירטע לערער פֿון יידיש גייען אַרום אָן אַרבעט, בשעת ווען רײַ כעלאָקאַלן אין צענטער שטאָט שטאַרצן אַרויס אַלץ יידישלאָזע מאַכאַרײַקעס. במילא ווערט אויפֿן סדר היום אַפֿילו ניט דערמאָנט דער „קליינינקער פּרט״ וועגן קורסן פֿון יידיש פֿאַר אָנהייבער, מיטלדיקע און אַוואַנסירטע אין משך פֿון אַקאַדעמישן יאָר. נאָר אויפֿנאַמעס בײַ מיניסטאָרן און מלכי מלכים פֿעלן ניט אויסעט. בשעת מעשה שפּילט יידיש, געצוואונגענערהייט, די טרויעריקע ראָלע פֿון מכשיר אויף אײַנשטילן די קריטיק קעגן מלוכהשער גלאָריפֿיקאַציע פֿון אָרטיקע היטלעריסטישע קאָלאַבאָראַנטן און רוצחים.

ס׳איז ניט פּשוט...

* * *

איז וואָס טוט אָבער גאָט?
אויף זײַן אופן, און מיט זײַן חכמה, האָט דער אייבערשטער געגעבן, אַז בשעת ווען די פּאָר הײַפּעלעך ראַטעווער און אויפלעבער פון יידיש („ואני הקטן בתוכם״), בשעת מיר האָבן געטומלט און געשריבן, געלערנט און פאַרעפנטלעכט, געטאַראַראַמעוועט „יידיש! יידיש! יידיש!״, איז די שארית הפליטה פון חרדישע יידן, און בפרט חסידים, און בפרט חסידי חג״ת (ד.ה. די דרומדיקע, וואָס ריידן דער עיקר אַ היימיש פויליש אונגאַרישן יידיש) צעוואַקסן אויף אַזאַ שטייגער און צאָל, וואָס קיינער, ממש קיינער, האָט ניט פאָראויסגעזען.

אין די חדשים פאַר אונדזער טשערנאָוויץ האָבן מיר גענומען פרעגן בײַ די וויכטיקסטע יידישע דעמאָגראַפן, וויפל חסידישע יידיש רײדנדיקע יידן זײַנען אויף דער וועלט פאַראַן? די שאַצונגען ווײַזן אַרויס אַ גרויסע וואַריאַציע: פּראָפ. באַרי קאָזמין (טריניטי קאָלעדזש, קאָנעטיקאָט) שאַצט: 525,000. דער יידישער „דאַטאַ באַנק״ אין ניו יאָרק פאַרקערט פאָלגט די פאָרשונגען פון פּראָפעסאָר סערדזשיאָ דעלאַ פּערגאָלאַ פון ירושלים, שאַצנדיק: 1,100,000. אַזוי צי אַזוי, גייט די רייד וועגן אַן אמתן יידישן שפּראַך ציבור. נאָכמער: אַ גיך וואַקסנדיקער מיט הונדערטער פּובליקאַציעס אַלע יאָר, בתוכם ביכער, זשורנאַלן, צײַטונגען, בלעטלעך, אינטערנעט און נאָך. אגב אורחא: אַחוץ אַזעלכע נעמען ווי „ בנות ציון״ און „דער אוצר״, טרעפן מיר בײַ הײַנטיקן טאָג זשורנאַלן וואָס רופן זיך „אידישע צייטונג״, „די וואָך״, „דער בליק״, „דער וועקער״, „דער פלאַם״, „מאָמענט״, און „שטערן״ – אַפילו דאָ שטעלן מיט זיך פאָר די שפּראַך און דער סטיל דעם נאַטירלעכן המשך פון לשון יידיש פון די וועלטלעכע שרײַבער און פעריאָדיק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

איז וואָס זשע וועט מען זאָגן אין טשערנאָוויץ (און ניט נאָר אין טשערנאָוויץ...) אין הונדערט צען יאָר אַרומעט, חברים, אַז אַ גאַנצער געביט – אַקאַדעמיש, ניט אַקאַדעמיש, מיט אַ בליצפּאָסט און אָן אַ בליצפּאָסט, מיט אַ קוקווינקל און אָן אַ קוקווינקל – האָבן איגנאָרירט, ווי ס׳וואָלט גאָר ניט געווען: די הונדערטער טויזנטער, בײַ וועמען יידיש לעבט ווי אַן אמתע שפּראַך?

דער גרעסטער יישר כח קומט די אָרגאַניזירער פון אונדזער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ פאַרן פאַרבעטן אויך פרומע און חרדישע פאָרשער. איינע פון זיי האָט אין אַן אָקערשט פאַרעפנטלעכטער אַרבעט געשריבן דעם ווייטאָגדיקן אמת: סעקולערע יידישיסטן קומט אָן צו גרויס דער פּסיכאָלאָגישער ווייטיק, אַז זייערע (אונדזערע) באַמיאונגען האָבן געבראַכט צו אַ בליצפּאָסט מיט אַ קוקווינקל, בשעת ווען די טראַדיציאָנעלע יידישקײַט, אָן קיין שום יידישיסטישע טעאָריעס, האָט געבראַכט צום אמתן לעבן פון דער שפּראַך אין איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. טשיקאַווע, די פרײַע מאָדערניסטן וואָס האַלטן אַזוי טיף פון דער פּראַכטפולער אייביקער יידישער ליטעראַטור, פאַרגעסן בדרך כלל אַז בערך 99% פון די גרויסע ווערק פון אָט דער יידישער ליטעראַטור זײַנען דאָך געשריבן געוואָרן דורך שרײַבער וועמענס קינדער יאָרן און יוגנט האָבן זיך דורכאויס פאַרלאָפן אין אַזאַ מין סביבה וואָס מ׳רופט הײַנט אָנעט: „חרדיש״...

פאַרן פאַרענדיקן מיטן סך הכל וועגן טשערנאָוויציער גײַסט, וויל איך דערמאָנען נאָך אַ פּאָליטיש אומקאָרעקטן פאַקט (אָט דאָ אין טשערנאָוויץ מעג מען זיך פאָרט אויסדריקן אַ קאַפּ ראַדיקאַל): אין די אַלע לענדער פון די תפוצות, פון גרויסן יידישן גלות איבער דער וועלט, איז אויסער ארץ ישראל ניטאָ קיין איין משפחה וואָס האָט ניט געלעבט אין ארץ ישראל, וואו מען רעדט איווריט אין דער היים נאַטירלעך. קיין איינע אויכעט ניט. איווריט איז דער גרעסטער דערפאָלג אין דער מדינה און איז געוואָרן אַ גוואַלדיק וויכטיקע מלוכה שפּראַך. אין די תפוצות – לאָ מיט אַן אלף.

יידיש, דערקעגן, איז די איינציקע יידישע שפּראַך פון הונדערטער טויזנטער, צי שוין אַ מיליאָן, חרדים (דער גרעסטער רוב: חסידים), וואָס היטן אויף די גאַנצע אשכנזישע יידישע ציוויליזאַציע וואָס האָט דאָך אַרויסגעגעבן די וואָס האָבן צונויפגערופן די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אָטאָ דאָ, אין אָט דעם בנין, מיט הונדערט צען יאָר צוריק.

דורכאויס ערלעכע געלערנטע ביידע, האָבן מאַקס ווײַנרײַך און זלמן רייזען געגעבן אין זייער טשערנאָוויץ באַנד דעם פולן בריוו פונעם סאַמע מיסד, שאַפער און בויער פון דער קאָנפערענץ, נתן בירנבוים (מאַטיאַס אחר), נאָך דעמאָלט אין זײַן יידישיסטישן פעריאָד, וואָס איז געקומען נאָך דער ציוניסטישער תקופה, און פאַר זיין טראַדיציאָנעל פרומער לעצטער תקופה. אָדאָרטן שרײַבט בירנבים, שוין דער בעל תשובה נתן בירנבוים, אין זײַן בריוו פאַרן ייוואָ באַנד צום צוואַנציקסטן יובל פון דער קאָנפערענץ:

„אָבער הײַנט – צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך אומגעקערט צו דער יידישער תורה און צו די יידן וועלכע לאָזן נישט פון איר – זע איז עס מיט אַ געפיל פון דאגה: די ראַדיקאַלע פּאַרטייען האָבן מכלומרשט מאָנאָפּאָליזירט די יידישע שפּראַך און דערמיט נישט נאָר אַרײַנגעוואָרפן אַ חשד אויף איר אין דער מאַסע פון פרומע יידן – די ערשטע און אמתדיקע באַשעפער פון יידיש – נאָר אויך אַרײַנגעבראַכט יידיש אין דער סכנה, אַז, אָפּגעריסן פון זיין מקור, זאָל עס חלילה פאַרלירן זײַן שפּראַכלעך בִּרְשׁוּת עַצְמָהדיקייט, זײַן אמתדיקע יידישלעכקײַט, און זײַנע שטאַרקע קאָלירן, און ווערן צו אַ גראָען שאָטן פון זיך אַליין, צו אַ מין טרוקענער בריאה, צו אַן אַבי אייראָפּעאישער אַבי שפּראַך. הלוואי די דאָזיקע סכנה זאָל אַריבער בשלום, און יידיש זאָל בלײַבן דער יידישער אוצר, פאַר וועלכן ס'האָט זיך געלוינט אײַנצורופן די טשערנאָוויצער יידישע שפּראַך קאָנפערענץ."

א ו נ ד ז ע ר טשערנאָוויצער קאָנפערענץ דאַרף, ווי ניט איז, פועלן אַ סך אַ פאַרגרעסערטן אינטערעס צו אַנטוויקלען יידיש גופא, אין דער ערשטער ריי בײַ דעם הײַנטיקן יידיש ריידנדיקן פאָלק, וואָס האַלט קיין עין הרע אין אויסוואַקסן, אין אַ ראַם וואו מאָדערניסטן אָנערקענען דעם חסידישן צענטער פון יידיש אויף די קומעדיקע דורות, און באַווײַזן בשעת מעשה דעם טשערנאָוויצער גײַסט ווײַטערצופירן מיט קאָנסטרוקטיווער ממשותדיקער אַרבעט.

מיר, וואָס קומען צו דעם אַלעמען אין גײַסט פונעם אַזוי גערופענעם וועלטלעכן יידישיזם, צי פון דעם אַקאַדעמישן געביט וואָס פאָרשט יידיש און איר ליטעראַטור, דאַרפן בפירוש שלום מאַכן מיט דעם, אַז דער אויפקום פון די הונדערטער טויזנטער יידיש ריידנדיקע יידן איבער דער וועלט איז גראַדע ניט געווען „אונדזער אויפטו" – פאַרפאַלן.

פאַרקערט, פונקט ווי די אמתע מאַמע אין שלמה המלכס משפּט צווישן די צוויי פרויען וואָס איטלעכע האָט געטענהט: „ס'איז מײַן קינד", דאַרפן מיר זיך דערפרייען אין זיבעטן הימל ממש, וואָס מיר האָבן דערלעבט זען אַזאַ ווידערוואוקס, אַפילו אַז מיר זײַנען גאָר ניט מסוגל צו פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס וועט זיך אַנטוויקלען.

איינס איז אָבער זיכער: אין אַ יידיש ריידנדיקער געזעלשאַפט פון הונדערטער טויזנטער, צי אַ מיליאָן, וואָס צעוואַקסט זיך אין מיליאָנען, וועט די שוין פאַראַנענע שעפערישקייט זיך צעבליען און דער טראָפּ אויף יידיש גופא וועט פירן צו גרויס שעפערישקייט.

* * *

אפשר וועלן די אָ אויפטוער פאַר יידיש אין דער צוקונפט זיך ניט באַנוצן מיטן וואָרט „טשערנאָוויץ", נאָר גראַדע די נעמען פון אַנדערע שטעט. נאָר וואָס, אָט די אַנדערע שטעט זײַנען אָבער פאָרט ניט זייער ווײַט פון אונדזער טשערנאָוויץ (געאָגראַפיש גערעדט...).

איך אַליין האָב חרדישע חברים, וואָס ניט נאָר ריידן זיי נאָר יידיש אין דער היים, נאָר וואָס בײַ זיי איז יידיש אַן עיקר פון עכטער יידישקייט. איז אויב ניט טשערנאָוויץ, איז וואָס פאַראַ שטאָט דערמאָנען זיי? ווי וואָר...

בײַ טייל, וועט דאָס זיין פרעשבורג (צי פרעשבאָריק, היינט: בראַטיסלאַוואַ, סלאָוואַקיע), וואו דער חתם סופר האָט אַרויסגעלאָזן זיינע פסקים וועגן האַלטן זיך בײַ יידיש (בתוכם אַן איסור אויף לערנען תורה בײַ אַ רב וואָס רעדט ניט אויף יידיש).

אַנדערע דערמאָנען זיך אין אונגוואַר (היינט אוזשגאָראָד, אָדאָ אין אוקראַינע), וואו ר' עקיבא יהוסף שלעזינגער האָט אַרויסגעלאָזן די עטישע צוואה פונעם חתם סופר, וואו ס'ווערט בולט פעסטגעשטעלט, אַז

יידן טאָרן ניט איבערבײַטן זייער יידיש אויף אַן אַנדער לשון (און טאָרן במילא ניט מאַכן קיין „אַדאָלף" פון „אברהם" און קיין „מאָריץ" פון „משה"). דאָס איז אגב געווען אין 1864, וואָס מיר יידישיסטן געדענקען גראָד אַלץ געבורט יאָר פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, דאָס יאָר פון מענדעלעס דעבו אין אלכסנדר צעדערבוימס „קול מבשר" אין אָדעס (איז ווייטער – אוקראַינע).
נאָך אַנדערע דערמאָנען זיך אין מיכאַלאָוויטש (היינט מיכאַלאָווצע אין מזרח סלאָוואַקיע), אַוואו מען האָט אין 1865 אַרויסגעלאָזן דעם פּסק פון אַ פינף און צוואַנציק רבנים („דער מיכאַלאָוויטשער פּסק"). עס איז אָבער געבליבן באַקאַנט מער ווי דער „אונגוואַרער פּסק דין" נאָכדעם ווי ס'איז געדרוקט געוואָרן אין 1866 אין אונגוואַר, שוין אונטערגעחתמעט פון איין און זעבעציק רבנים, לויט דער צאָל אַ סנהדרין ממש.
נאָך אַנדערע ווידער פאַררופן זיך אויף דער שטאָט טשאָפּ (אויכעט אין אוקראַינע, אָטאָ דאָ ניט ווײַט!), אַוואו מען האָט אין 1922 אָפּגעהאַלטן די טשאָפּער אסיפה פון חסידישע רביים וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן חרם אויף אגודת ישראל און די אויסקריסטאַליזירונג פונעם מאָדערנעם חסידישן יידנטום מיט איר גאַנצער התנגדות (שיער ניט געזאָגט: „מתנגדות") צו די פשרות מיטן „מאָדערנעם יידנטום" פון דער אגודה און אַנדערע. די ערשטע חתימה אין טשאָפּ איז געווען פון יונגן ר' יואליש טייטלבוים, דער צוקונפטיקער סאַטמאַרער רבי אין אַמעריקע וואָס האָט אַזוי געווירקט אויף דער צעוואַקסונג פון יידיש ריידנדיקן חסידישן ציבור אין אַמעריקע און איבער דער וועלט.
איז וואָס איז געבליבן? דער טיפסטער גײַסט פון טשערנאָוויץ, אהבת יידיש לשמה, בפירוש ניט פאַרפלאָנטערט מיט אַזאַ צי אַן אַנדער פּאָליטיק, איז געבליבן געזונט ווי אײַזן, מערניט אַזוי ווי וו ײַנרײַך און רייזען האָבן זיך פאָרגעשטעלט, נאָר גראַדע ווי נתן בירנבוים („מתתיהו אחר"), דער בעל טשערנאָוויץ אַליין, האָט זיך פאָרגעשטעלט – גיי ווייס.

* * *

איז לאָמיר פאָרט אַ פּרואוו טאָן דעפינירן, מיט הונדערט צען יאָר שפּעטער, דעם באַגריף יידישיזם, מער נייטראַל געזאָגט געוואָרן: אהבת יידיש, אויפן הײַנטיקן טאָג און אויף להבא, איז אָטוואָס: „די ליבשאַפט צו יידיש, די אידיי, אַז די שפּראַך און פאַרשיידענע פון אירע אוצרות פון דור דורות האָבן בפירוש די ווערט מען זאָל זיי אין דער טיף, און אויף יידיש גופא, אויפהיטן און לייענען און לערנען; די איבערצײַגונג, אַז די לעבעדיקע גערעדטע און געשריבענע שפּראַך איז אַ יש צום היטן, נוצן און אַנטוויקלען אויף אונדזער דור און אויף די קומעדיקע דורות" (זעט איר דאָך, אַ באַשיידענע, מעסיקע דעפיניציע).
שאַט, און וואָס איז מכח טשערנאָוויץ? נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די אָרגאַניזירער פון אונדזער „הונדערט צען יאָר טשערנאָוויץ" האָבן אָדאָ פאַרבעטן געלערנטע פון חרדישן עולם און געווידמעט אַ סעסיע דער פאָרשונג פון חסידישן יידיש, קען בלײַבן אַ סברא, אַז אינאיינעם מיט פּרעשבורג, מיכאַלאָוויץ, אונגוואַר און טשאָפּ, וועט אויך טשערנאָוויץ אַ ווינקעלע געפינען אינעם באַוואוסטזײַן פון די פאָרשער, קענער און לערער פון יידיש אין די קומעדיקע דורות וואָס האָבן געגומען שוין שפּראָצן מיט אימפּעט און בקיאות פון די רייען פון די יידישע קהילות וואו מען לעבט זיך אויס אויף יידיש די יאָרן.
און אויף אונדז אַלע וואָס מיר פאַרערן דעם אָנדענק פון טשערנאָוויץ, און האַלטן ליב און טײַער יידיש און די אומגעהייערע שעפערישע אוצרות וואָס אויף יידיש, אויף אונדז בלײַבט די פשוטע, באַשיידענע און בשעת מעשה שווערע אויפגאַבע, זיך פאַרקאַשערן די אַרבל און אַרבעטן, און אויפטאָן וואָס מ'קען, לויטן שכל הישר, ערנסט און ממשותדיק אויף אונדזער שפּרודלדיקן, ניט לײַכטן, און פונדעסטוועגן געבענטשטן געביט פון יידיש.

# Five Pro-Yiddish Declarations

*in the Austro-Hungarian Lands*




Major Declarations on Behalf of the Yiddish Language:

Rabbinic: Preshborg (earlier 19th century), Ingvar (1864), Mikhalevits (1865), Tshop (1922) [by which time Tshop was in the new Czechoslovakia]

Secular: Czernowitz (1908)

Map base: after 'Österreichich-ungarische Monarchie und die Schweiz 1899' by H. Lange.

© Dovid Katz 2019 (www.dovidkatz.net). Cartography by Giedrė Beconytė



© Dovid Katz 2019 (www.dovidkatz.net). Cartography by Giedrė Beconytė

# JEWS AND SLAVS

THE HEBREW UNIVERSITY OF JERUSALEM
CENTER FOR SLAVIC LANGUAGES AND LITERATURES

# JEWS AND SLAVS

SERIES EDITED BY

PROF. WOLF MOSKOVICH

**Volume 26**

Jerusalem

THE HEBREW UNIVERSITY OF JERUSALEM
CENTER FOR SLAVIC LANGUAGES AND LITERATURES

NATIONAL UNIVERSITY OF KYIV-MOHYLA ACADEMY
CENTER FOR STUDIES OF THE HISTORY
AND CULTURE OF EAST EUROPEAN JEWS

# JEWS AND SLAVS

## Volume 26

Edited by
Wolf Moskovich (Jerusalem)

## YIDDISH – 110 YEARS OF A JEWISH NATIONAL LANGUAGE

PROCEEDINGS OF THE CZERNOWITZ INTERNATIONAL
COMMEMORATIVE YIDDISH LANGUAGE CONFERENCE
2018

DUKH I LITERA
Jerusalem–Kyiv
2020

**Yiddish – 110 years of a Jewish National Language:**
**Proceedings of the Czernowitz International Commemorative**
**Yiddish Language Conference 2018**

# Jews and Slavs, 26

Edited by
W. Moskovich

**Produced with the support of**

the Ukrainian-Jewish Encounter (UJE) Foundation,

the World Jewish Congress,

the WJC Yiddish Center in Vilnius,

and the Association of Jewish Organizations
and Communities of Ukraine (Vaad of Ukraine)

© 2020 by The Hebrew University of Jerusalem
Center for Slavic Languages and Literatures

© National University of Kyiv-Mohyla Academy
Center for Studies of the History and Culture of East European Jews

© ΔΥΧ I ΛΙΤΕΡΑ (DUKH I LITERA / SPIRIT AND LETTER)

ISBN 978-966-378-783-1

Contact Address:

*Prof. Wolf Moskovich*
*P.O.Box 7823*
*Jerusalem 91078 Israel*
*E-mail: wmoskovich@gmail.com*

# *CONTENTS*

Foreword ........ 7

**PART 1:** ***KEYNOTE PAPER***

**Dovid Katz (Vilnius, Lithuania)**
The Present-day Importance of Czernowitz (Reflections on the 110th Anniversary)* ....... 11/21

**PART 2:** ***YIDDISH LINGUISTICS AND LEXICOGRAPHY***

**David Bunis (Jerusalem, Israel)**
The Emergence of Two Ideologically Divergent
Modern Jewish Languages: Yiddish and Judezmo ........ 53

**Cyril Aslanov (Jerusalem, Israel/Aix-Marseille, France)**
Matrix-Language Turnover in the Yiddish–Standard German Continuum ........ 66

**Joshua Price (New York, USA)**
*Fartaytsht un eyropeizirt*? Translation and the Normalization
of Yiddish Literature in the Wake of Czernowitz ........ 77

**Miriam Schulz (New York, USA)**
*Dos folks-moyl in Natsi-klem:* On the Phenomenon of *khurbn*-Yiddish ........ 92

**Wolf Moskovich (Jerusalem, Israel)**
New Tendencies in Modern Yiddish Lexicography ........ 102

**Daniel Galay (Tel Aviv, Israel)**
The Major Feature of Yiddish Intonation ........ 109

**PART 3:** ***HASIDIC YIDDISH***

**Steffen Krogh (Aarhus, Denmark)**
Pluralization of Nouns in Haredi Satmar Yiddish ........ 117

**Zoë Belk, Lily Kahn, and Kriszta Eszter Szendrői (London, UK)**
On Morphological Gender and Case-Marking in
Hasidic Yiddish: Initial Evidence from the Stamford Hill Hasidim ........ 125

**Chaya R. Nove (New York, USA)**
Phonetic Contrast in Unterland Yiddish Long-Short Vowel Pairs ........ 135

**PART 4:** ***CZERNOWITZ JEWISH WRITERS***

**Moshe Lemster (Bat Yam, Israel)**
Eliezer Shteinbarg in Czernowitz ........ 151

**Petro Rychlo (Chernivtsi, Ukraine)**
"To Aleph and Jud": Yiddish Elements in the Poetic Language of Paul Celan ........ 155

**Armin Eidherr (Graz, Austria)**
A Translator's Approach to the Work of Josef Burg,
the Widely Revered but Often Questioned Yiddish Voice of Czernowitz ........ 168

* The text of the paper is published in Yiddish and then in English translation.

**Dragoș Olaru (Chernivtsi, Ukraine)**
"I Respect All People Who Love Their Language…": Meir Haratz in Chernivtsi ................ 174

**Lea Garfinkel (Tel Aviv, Israel)**
Yiddish as a Language of Memory in Aharon Appelfeld's Works .......................................... 185

**PART 5:** ***YIDDISH PRESS AND LITERATURE IN THE SPIRIT OF THE CZERNOWITZ CONFERENCE***

**Boris Sandler (New York, USA)**
The Role of Yiddish Press and Publishing Houses in the Preservation
of Heritage and Identity Formation after the Shoah ................................................................ 193

**Mordehay Yushkovsky (Tel Aviv, Israel/Vilnius, Lithuania)**
Shike Driz and Avrom Gontar: Between Poetical Aesthetics and Ebullient Folksiness..........203

**Daniella Mauer (Jerusalem, Israel)**
Yisroel Rabon's Place in Modern Yiddish Literature: *Di gas* & Jewish Alienation ............... 208

**Diana Shapiro (Jerusalem, Israel)**
The World That Vanished: Yiddish in Chaim Grade's Art of Reconstruction after the Shoah......218

**Alexander Frenkel (St. Petersburg, Russia)**
The Formation of the "Russian Soviet Canon" of Sholem Aleichem's Works ...................... 227

**PART 6:** ***YIDDISH IN UKRAINE AND POLAND***

**Tetyana Batanova (Kyiv, Ukraine)**
Yiddish in Kyiv in 1917–1918: From "Jargon" to the Official Language
of State, Politics, Community, Education, and Culture ........................................................... 251

**Valery Dymshits (St. Petersburg, Russia)**
Yiddish in the Former Podolian Shtetls (Field Research, 2004–2008).................................... 259

**Iryna Yavorska (Chernivtsi, Ukraine)**
Yiddish and Its Speakers in Post-World War II Chernivtsi ..................................................... 269

**Monika Szabłowska-Zaremba (Lublin, Poland)**
Research on Jewish Culture in Academic and Non-academic
Contexts in Poland (1991–2018)............................................................................................... 282

**PART 7:** ***NEW ARCHIVAL DISCOVERIES***

**Maria Nykyrsa (Chernivtsi, Ukraine)**
The Jews of Bukovyna in the Interwar Period (1918–1940): A Survey of Sources.............. 291

**Efim Melamed (Kyiv, Ukraine)**
The Fate of the Archives of the Kyiv Institute of Jewish Proletarian Culture: New Discoveries....298

**Anatoliy Kerzhner (Kyiv, Ukraine)**
The Yiddish Folklore of the World War II Period in the Archive
of the Cabinet of Jewish Culture of Ukraine's Academy of Sciences...................................... 321

Abstracts.......................................................................................................................... 333
Index.................................................................................................................................349
Contents (in the original languages) ..........................................................................363